## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: זאגט מיר פאניע שבת הגדול, וואס פייערט דאס אזוי די יודען דעם נס פון חנוכה?
שבת הגדול: וואס הייסט, צוליב'ן נס מיט'ן קריגעל אייל.
קורצער פרייטאג: אז מען האט געפינען א קריגעל אייל און געשעפט דערפון 8 טעג, איז וואס? אט האב איך א קרעמעל פאר עטליכע גילדען, שעפט דערפון דער מאגיסטראט און דער אורזשאנד א גאנץ יאהר, נו, זאגט איהר אליין וועלכער נס איז גרעסער?

## דאס, יענץ וכדומה

מען דערציילט, אז א גרופע יודישע סטודענטען האבען זיך געווענדעט צום רעקטאר, הלמאי די ענדעקישע סטודענטען בעקומען בעסערע „סטאפּניעס“ פון זיי, האט מען „זיי“ געענטפערט, אז יענע „דער שלאגען זיך בעסער.

---

שאלאפּין האט נאך זיינע קאנצערטען בעקומען פון אורזשאנד סקארבאווי א „נאקאז“, האט ער גע־האט צו זינגען און צו זאגען.

---

מען שמועסט, אז די שפאנישע אויפשטענדיגע זאלען האבען אבגעשטימט מיט די רעפובליקאנער, אפצושטעלען צווישען זיך דעם קריג, און לאזען איהם ווייטער פיהרען דורך די, וואס „מישען זיך נישט“..

---

מען דערצעהלט, אז מאדאם סימפסאן זאל זיך האבען אויסגעדריקט צו עדוואַרד דעם 8־טען, אז ביי איהר איז ווער נישט דער 8־מער ... דער דריטער.

## פארוואס?

— פאר וואס איז ליקווידירט געווארען דער מיליטער־שטייער?
— ווייל ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז א סך לעגיאניסטען וועלען מוזען צאהלען דעם שטייער.

## פעסטשטעלונג

אין שייכות מיט די לעצטע סימפסאנאווע מעשיות אין לאנדאן, ערקלערען מיר, אז נישט אונז מיינט מען, מיר האבען מיט דער מרת סימפסאן קיין שום שייכות נישט.

מעכל קעניג
מרדכי קרול.

## סטודענטען און ראטמענער

וואס א'ז דער חילוק פון די ענדעקישע סטודענטען ביז די ראטמענער?
— די ענדעקישע סטודענטען ווילען פערכאפען גאר רעכטס, און די ראטמענער אויף רעכטס און לינקס.

## ערשטענס און צווייטענס

אין א היגען מאנופאקטור־געשעפט קומט אריין א יוד, פרעגט ער דעם אנגעשטעלטען:
— קען איך רעדען מיט'ן בעל־הבית?
— ניין, דאס איז אונמעגליך.
— וואס הייסט עפעס אונמעגליך? איך האב זיינעם א וועקסעל, און איך מוז מיך מיט איהם אדורכרעדען.
— ענטשולדיגט, איהר קענט מיט איהם נישט רעדען צוליב געוויסע סיבות.
— דהיינו?
— ראשית דערפאר, וואס ער איז היינט געשטארבען...
- נו, און צווייטענס?..

## חקירה ודרישה...

ווי מ'שמועסט: זעגען א סך יודען וואס ערווארטען דרישות פון ארץ־ישראל־קרובים, אפטימיסטיש געשטימט, ווייל די קעניגליכע קאמיסיע וואס וויילט אין א"י, האלט אין איין אדורכפיהרען חקירות — גלויבען זיי, אז נאך די חקירות וועלען קומען דרישות

פלוידערזאק.

## זאגט דער „קונדס“:

ווען נישט די אמאליגע גבירים, וואלטען אזוי פיל ארימע לייט נישט געווען.

---

ווען נישט די אוניווערזיטעטען, וואלטען אזוי פיל עקסצעסען נישט געווען.

---

ווען נישט א געוויסען טייל „פילאנטראפען“, וואלטען אזוי פיל לקח'ער נישט געווען.

---

ווען נישט די סקראמנע ווייבלעך, וואלטען אזוי פיל דאנסינגען נישט געווען.

---

ווען נישט די סעקוועסטראטארען וואלטען אזוי פיל זעלבסטמארדען נישט געווען.

---

ווען נישט די סובלאקאטארען, וואלטען אזוי פיל גט'ן נישט געווען.

## לאדזער דאקטוירים

### און זייערע „פאציענטען“

דער יונגער, נאר־וואס געענדיגטער דאקטאר קראנץ האט אוועקגעזעצט ביי זיך אין ווארטע־זאל עטליכע פון זיינע קרובים, אלס אונטערגעשטעלטע, דערפון איז געווען, אז טאמער פערבלאנדזשעט צו איהם אן אמת'ער פאציענט, זאל ער מיינען, אז ד"ר קראנץ האט שוין א ווייכע פראקטיק.

אין א געוויסען אווענד האט ער אנגעזאגט איי־נעם פון זיינע קרובים, וועלכען ער האט אויסגע־זעצט אלס מכלומר'שטען „פאציענט“ אז ווען עס וועט קומען אן אמת'ער פאציענט, זאל ער זאגען יע־נעם, אז ער איז קראנק אויף גאל־שטיינער. און גלייכצייטיג האט ער אנגעזאגט א צווייטע אונטער־געשטעלטען פאציענט. א פרויענצימער, אז זי זאל זאגען, אז זי היילט זיך אויף א גינעקאלאגישע קרענק (פרויען־קראנקהייט), ווען עס וועט קומען צו רעדען פאדראבנע — זאל זי זאגען, אז ס'איז איהר געקומען פון „קלעטשטשאווע פארוד“ (האבען א קינד מיט דער הילף פון קלעשטשעס)־

ווען אין ווארטע־זאל איז שפעטער אנגעקומען אן אמת'ער פאציענט און זיך געפרעגט דעם אונטער־געשטעלטען פאציענט, דעם מאַספערשוין, אויף וואס ער היילט זיך — האט ער געגעבען א שאס ארויס:
— אויף גינעקאלאגיע... ס'איז מיר געקומען פון קלעשטשעס...

—*X*—

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: פארוואס וויל דער ענגלישער קעניג פריהער אבדיקירען, און דערנאך אויפשפּילען די חתונה?

טרייטעל: דאס איז די טבע פון ענגלענדער: איידער זיי געהען אויפשפּילען א חתונה, ווערען זיי פריהער גייטראַל...

פייטעל: און פארוואס געפעלט איהם א פרוי, וואס האט שוין געהאט 2 מענער?

טרייטעל: אויך די אייגענע מעשה: ווייל זיי צוויי, איז דער ענגלענדער דער דריטער...

סאקראטעס.

## דער פרצוף פון דעם ילד

ווי מ'שמועסט: וועט קאצס נייע פארטיי גע־בוירען ווערען אויף דער איצטיגער סיים־סעסיע. ס'איז דערום פערהאן א בעגרינדעטע מורא, אז דאס ילד זאל זיך נישט פערקוקען אויף אונזערע בלאקאדע־סטודענטען — און ס'זאל ארויסקומען א פערזעהעניש..

פלוידערזאק.

## מאדאם סימפסאן

### צווישען דינסטמעדלעך

1־טע: זי האבען געלעזט, באלטשע, אין מאדאם ס'מפסאן האט זיך פערליבט עדווארד דער 8־טער.

2־טע: א וואזשנע מציאה כלעבען, אין מיר האט זיך פערליבט מאקס דער 15־טער.

## דער שעף און מסכים

בוכהאלטער (צום שעף): פאניע שעפיע, מיין פרוי האט מיך געהייסען אייך בעטען וועגען איין פרייען טאג אין דער הייבטיגער וואך.

שעף: הם... הם... נו גוט... אבער.. ווי אזוי מאכט מען דאס, אז מיין ווייב זאל נישט וויסען דערפון?

## פריהער און שפעטער

פריהער
רעט ער:
פון דאס
און פון יענץ
און זי שווייגט,
הערט איהם
פון ארט,

שפעטער
רעט זי
פון פייער
און פון וואסער
און ער שווייגט,
קומט נישט
צום ווארט.

קאפריזנער.

—*❀*—

הומאר ● סאטירע ●

# דער קונדס

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 285
פרייטאג, דעם 11 דעצעמבער 1936

לכבוד חנוכה

# זייז „חנוכה־לייכטער“...



יוד: הנרות הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהם...

